NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04488

# SHIKHELEKH IN KHOLEM

Benjamin Katz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org


בעניאָמין קאַץ
שיכעלעך אין כאָלעם
נאטע קאזלאווסקי

ציכנונגען פון נאָטע קאָזלאָווסקי

*Copyright* 1940
By Benjamin Katz
New York, N. Y.

269

גרייט צום דרוק:

„פון רו און פון אַרבעט"
(לידער)

„געלע בלעטער"
(נאָוועלע)

וועלוועלען און בראָכען—א מאטאָנע.



# כזינג, מיין קינד, פון לעבן־ליב

כ'זינג, מיין קינד, פון לעבן־ליב,
פון וויעלעך און ברעמען;
נאָכדעם וואַקסן לאָקעלעך
מיט קעמעלעך צו קעמען.

כ'זינג, מיין קינד, פון שייבעלעך,
פון אויגעלעך אין בלויען,
און עס ווײנט מיין אינגעלע
מיט טרערעלעך, ווי טויען.

כ'זינג, מיין קינד, פון ביינדעלעך,
פון ווייסע קליינע ציינדלעך;
שמייכלט ליב זיין מיילכעלע
מיט אַלע שענסטע כיינדלעך.

כ'זינג, מיין קיִנד, פון בעטעלעך,
וואָס וויגן זיך אַף צווייגן;
וויגט דער ווינט מיין אינגעלע
און אַלע ביימער שווייגן.

כ'זינג, מיין קינד, פון פעלדער־בלוי,
פון רייפע קערנער־קאָרן
וואַקסן וועט מיין אינגעלע
אַף לאַנגע גוטע יאָרן.



# זאָג, אינגעלע, זאָג

אינגעלע, אינגעלע, זאָג מיר נאָר, זאָג:
פֿאַרוואָס גייט די זון אויף זומער פֿאַרטאָג?

אינגעלע, אינגעלע, פֿאַרקלערט און פֿאַרטראַכט:
פֿאַרוואָס גייט די זון אונטער זומער פֿאַרנאַכט?

פֿאַרוואָס איז די לעוואָנע אַ בלאַסע און מאַט:
צי האָט די לעוואָנע ניט געגעסן צו זאַט?

שטערנדלעך פֿינקלען, ווי זאַמד ביי דעם יאַם,
ווען לאַנג שוין די זון איז פֿאַרגאַנגען אין פֿלאַם.

פֿאַרוואָס רוקן זיך די שטערן ניט אַלע צוזאַמען
וועלן זיי לייכטן ווי טויזנטער פֿלאַמען.

פֿאַרוואָס גאָר באַזונדער און יעדער אַליין?
וואָס טוט אַ שטערנדל ווען ס׳פֿאַרגייט אין געוויין?

וואָס טוט די לעוואָנע — די מאַמע פֿון הימל
ווען טויזנטער שטערנדלעך כאַפּן א דרימל?

ווען גייט־אויף די לעוואָנע ווי סערפּ איבער הימל
און שניידט זאַפֿטיקע זאַנגען פֿאַר ברויט־מיט־קימל.

אינגעלע, אינגעלע, זאָג־זשע מיר, זאָג,
ווען שטייסט אויף מיט דער זון זומער פֿאַרטאָג!



# דינקע־פינקע

דינקעלע־פינקעלע — מיידעלע שיין,
ס'האָט דיך די מאמע געלאָזן אַליין.

טרערעלעך־פערעלעך — לויטערער זאַפט,
שטייען די שפילצייג אין וואונדער פאַרגאַפט.

די באַן און דאָס פערדל אין ווילדן גאַלאָפ,
פון רעלסן אַף דיל איז דאָס באַנדל אַראָפ.

פאַרקייקלט זיך פילקע אין ווינקל אַליין
און ס'הערן די שפילצייג דינקעס געוויין.

וואַרפט דינקע די שיכלעך פון פיסלעך אַראָפ.
און אין ריטשקעלע טרערן מיט פיסלעך טיפ־טאָפ.

טאַנצט דינקע אַף דיל מיט באָרוויסע פיסלעך,
ביז ס'הויבט אָן דער דיל גלאַנצן צוביסלעך.

זעט דינקע אַף דיל איר אייגן געזיכט,
נאָר פון טרערעלעך־פערעלעך — ס'נעזל פאַרשמירט.

דינקעלע־פינקעלע — מיידעלע שיין,
ס'האָט דיך די מאמע געלאָזן אַליין.



# וויג־ליד

שלאָף, מיין קינד, אין אָוונט־דרימל,
עס צינדן שטערנדלעך זיך אָן —
און דער טיפער בלויער הימל
ווייסט ניט וואָס מיט זיי צו טאָן.

לייכט אַ שטערנדל אין פענצטער,
קוקט פאַרטראַכט צו אונדז אַריין;
באַ זיין מאַמען ז'ער דער שענסטער,
וויגט זי אים אין הימל איין.

נישט אין בעטל, נישט אין וויגל,
נאָר אין וואָלקנדלעך פון בלוי
וויגט דער ווינט מיט זיינע פליגל
אַלע שטערנדלעך אַזוי.

און לעוואָנע שיינט אין הימל,
איבער גרויסער נאַכט אַף וועלט;
היט די שטערנדלעך אין דרימל,
ווען טאָג קומט אָן מיט שאַרפער קעלט.

און עס זינגט די נאַכט אַ ליד
וועגן פרישע טראָפנס טוי;
שלאָף, מיין קינד, אין וואַרעם וויג,
עס זינגט דיין מאַמע אויך אַזוי.



# וועלפּעלע-מיין אינגל...



איך האָב אַ קליינינק וועלפּעלע
מיט שאַרפע ציינדלעך פיר.
ער כאַפּט מיין פינגער אינעם מויל
און בייסט אים אָן אַ שיר.

זאָג איך: וועלפּעלע, מיין וועלפל,
בייס ניט מיט די ציינדלעך!
פאַרזשמורעט ער דאָס נעזעלע,
מיט צעשטראַלטע ביינדלעך.

לייג איך אים אַפן בייכעלע
און האַלט די פיסלעך צו.
טוט זיך אַ דריי מיין וועלפּעלע
און איז שוין גאָר נישטאָ.

שריי איך: וועלפּעלע, מיין וועלפל:
וואו ביסטו באַהאַלטן?
פאַרדעקט זיך דאָס די אויגעלער,
שמייכלט דורך די שפּאַלטן.

באַהאַלטן ליגט מיין וועלפּעלע
אין אַ ווינקל-נאָרע,
מען זעט פון דאָרטן קוים אַרויס
נאָר די אויגלעך קלאָרע.

זאָג איך: שוין נישטאָ מיין וועלפל!
שטרעקט ער אויס דאָס צינגל.
און איך גיב אים וואַסער טרינקען,
וועלוועלען — מיין אינגל.

# שיכלעך אַף פֿלייצעס

אַ מיידעלע קוקט דורך פֿענצטער פֿאַרטראַכט,<br>
אויגעלעך גלאַנצן אין פֿינצטערער נאַכט.

אַ בלאָטיקער הויף און קאַנען מיט מיסט,<br>
אַ ווינט ווייעט און אַ שלאַקס־רעגן גיסט.

אַ פֿאַרפֿוילטער מאַטראַץ זאַפּט איין דעם רעגן,<br>
און די וועש אַפֿן שטריק פּאַטשט ער אנטקעגן.

הויך איבער שטאָט, ווי אין הארבסט אַן אַליי,<br>
לויפֿט אין נאַכט אַ באַן מיט אַ יאָמער־געשריי.

הויך איבער שטאָט, אַזויפֿיל דעכער געדיכט,<br>
ווי טויזנטער שטערנדלעך טוקט זיך דאָס ליכט.

צי פֿאָרט שוין דער טאַטע אהיים מיט דער באַן;<br>
צי גייט ער אין רעגן מיט איילִיקע שפּאַן?

וועט ער שיכלעך ברענגען דער מיידעלע קליין,<br>
זי זאָל באַם פֿענצטער באָרוועס ניט שטיין.

דער טאַטע געקומען, קיין שיך ניט געבראכט,<br>
האָט זיך דאָס מיידעלע צעוויינט אין דער נאַכט.

וויין־זשע ניט, מיידעלע, עס רעוועט די באַן,<br>
אזוי פֿיל שיכלעך איז אין קראָמען פֿאַראַן.



אַזוי פֿיל שיכלעך, נאָר מ׳קריגט ניט אומזיסט,
פֿאַר אונדז, קינד, איז פֿריי נאָר דער רעגן וואָס גיסט.

פֿאַר אונדז איז נאָר פֿריי דער ווינט און די קעלט,
און צאָרן פֿון קינדער וואָס האָט זיך צעהעלט.

וועלן זיי אַלע אַרויס איבער שטאָט מיט געזאַנג,
און באָרוויסע פֿיס וועלן טופּען אין גאַנג.

וועלן שיכלעך זיך שעמען בלייבן אַליין
און מוזן צוזאַמען מיט קינדערלעך גיין.

וויין־זשע ניט, מיידעלע, עס רעוועט די באַן,
אַזוי פֿיל שיכלעך איז פֿאַר קינדער פֿאַראַן.

וועלן מיר שיכלעך אַף פּלייצעס פֿאַרוואַרפֿן,
און אָנטאָן זיי דאַן ווען מ׳וועט זיי באַדאַרפֿן.

און אָנטאָן זיי דאַן, עט ווייט פֿון דער בריק,
און מער שוין ניט קומען באָרוועס צוריק.



# מיט ווינט און זון אַף בעבעכעס



מ'האָט אונז היינט פון הויז ארויסגעוואָרפן
וויג איך דיך אַף מיינע הענט,
ס'האָט, כאָלילע, גאָרנישט ניט געטראָפן,
דאָס הויז איז ניט פאַרברענט.

ליו־ליו־ליו אינגעלע,
פיאָנערעלע מיין שיינער.
ליו־ליו־ליו טייערער,
מיר פאַר דיינע ביינער.

מיט ווינט און זון אַף בעבעכעס
איז גוט אזוי דיך וויגן,
ווען ס'טראָגן יאַטן מוטיקע
דאָס מעבל אַף די שטיגן.

ליו־ליו־ליו אינגעלע, א.אז.וו.

ס'וועלן ברידער שוין פאַרהיטן,
אונדז ניט לאָזן אָן אַ דאַך;
מיר האָבן, קינד, גענוג געליטן,
כאַוויירים שטייען אַף דער וואַך!

ליו־ליו־ליו אינגעלע, א.אז.וו.

שלאָף־זשע, שלאָף־זשע ליבינקער,
איך וויג דיך אין דיין וויג;
ס׳וועט קומען פּאַפּאַ באַלד אַהיים
און זיך פרייען מיטן זיג!

ליו־ליו־ליו אינגעלע,
פּיאָנערעלע מיין שיינער.
ליו־ליו־ליו טייערער,
מיר פאַר דיינע ביינער.

# דינקעלע ווינט

בעקעלעך בלייכע, נעזעלע רויט,
דינקעלע ווינט נאָך אַ שטיקעלע ברויט.

ציינדעלעך ווייסע און אויגעלעך בלוי,
טרערעלעך רינען ווי פרישינקער טוי.

דער טאַטע נישטאָ, די מאַמע אַליין
קאָן נישט פאַרנעמען דינקעס געוויין.

„איך וועל דיר דערציילן אַ מייסע מיט בערן,
וואָס לעקן פון הונגער טויעלעך־טרערן.

איך וועל דיר דערציילן, טאָ וויין ניט מיין קינד,
עס שלאָפן די בערן אין אַ נאַרע אַצינד.

עס שלאָפן אין נאַרע בערעלעך אַכט,
אַ גאַנצינקן ווינטער מ׳שלאָפט און מ׳וואַרט.

און איבער דער נאַרע שנייען און קעלט,
און אַ בלאַסע לעוואָנע קוקט אַף דער וועלט.

זיינען די צווייגן באַהאַנגען מיט אייז
און בערעלע־טאַטע גייט זוכן שפייז.



ער זוכט און ער זוכט און שמעקט די ערד,
דערזעט ער דיביינער פון א געהארגעטן פערד.

רייסט ער מיט נעגל, רייסט מיט די ציין,
און געבראַכט פאַר די בערן אַ נאקעטן ביין.

גריזשען די בערלעך און גריזשען דעם ביין,
איז איין קליין בערלע זיך פאַרגאַנגען אין געוויין.

האָבן בערלעך די טרערלעך געלעקט און געלעקט,
ביז ס'האָט זיך דער פרילינג פון שלאָף אויפגעוועקט.

זיינען ארויס פון דער נאַרע בערלעך זיבן
און א שוואכינק בערלע איז אין נאַרע פארבליבן".

שלאָף־זשע מיין דינקעלע, נורע זיך איין,
הונגעריק מיידעלע, בערלע מיין.



# אַ פויער צווישן בערן

נעם אַן עפּל, אינגעלע,
אַ רויטינקן און שיינעם.
איך אַן עפּל, דו אַן עפּל,
עסן מיר אינייינעם.

מער קיין עפּל האָב איך ניט,
שפּילן מיר מיט די קערלעך.
האָסטו אינגעלע פאַרשפּילט,
וויש זיך אוים די טרערלעך.

ס'איז דאָך וויינען גאָר ניט שיין,
ווילסט א מייסעלע גאָר הערן?
האָסט דאָך ליב ווי איך דערצייל
די מייסע מיט די בערן.

איינמאָל, איינמאָל אין אַ וואַלד,
אַן אַלטן און געדיכטן,
האָבן בערעלעך געוואוינט
אין גרובן אונטער שיכטן.

ווייט פאַרבאָרגן פון דער ליכט,
פון הימל און די שטערן.
ליגט אַ זילבער נאַכט אין וואַלד,
קאָן מען יעדן שאָרך דערהערן.

איז דער וואַלד צעטיילט אַף צוויי,
אַ שמאָלער וועג אינמיטן.
ווינטער ליגט אַ טיפער שניי,
פירט מען האָלץ אַף שליטנס.



קומט אַ פֿויערל אין וואַלד,
לאָדט אָן מיט האָלץ דעם שליטן,
האָבן בערעלעך דערשמעקט
און אים פֿאַרשטעלט אינמיטן.

טאַנצן בערן אין אַ ראָד
און טולען זיך צום פֿויער.
ס׳ברענט אין וואַלד אַ גרויסער פראָסט
און ס׳ציפּעט אויס אַן אויער.

מוז דאָס פֿויערל שוין גיין
וואוהין די בערן פירן.
גייט ער. קומט ער צו א גרוב,
ניטאָ גאָר דאָ קיין טירן.

בויגט דאָס פֿויערל זיך אָן,
און קריכט אַריין אין נאָרע.
ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ אים טיק־און־טאַק, —
עס רוקט זיך אָן אַ צאָרע.

זעצן בערעלעך זיך אויס,
באַשמעקן זיי דעם פֿויער.
זיצט דאָס פֿויערל אין שרעק
און קוקט אף זיי מיט טרויער.

מיטאמאָל צעזינגט ער זיך
מיט האַרץ און טיף געפֿיל,
אַז אַלע פינעף בערעלעך
ווערן מיטאַמאָל גאָר שטיל.

אַז די פֿינעף בערעלעך
וויגן זיך מיט ניגון,
טראַכט דאָס קלוגע פֿויערל,
ער וועט זיי באַלד פֿאַרוויגן.

זינגט ער זיי אַ לידעלע,
ווי אַ מאַמע צו אַ קינד.
דרימלען איין די בערעלעך
און זיי שלאָפֿן שוין אצינד.

הייבט זיך אויף דאָס פֿויערל
מיט לייכטע, לייכטע טריט,
ארויסצוגיין פֿון גרובן
מוז ער זיין געהיט.

זינגט ער, זינגט דאָס לידעלע
און שאַרט זיך שטיל אַרויס,
און אַזוי, מיין אינגעלע,
איז דאָס מייסעלע שוין אויס.



# וויג־ליד



איי־ליי־ליו־ליי ווייסינק קינד,
איך מוז דיך איצט פֿאַרוויגן,
באַ דיין מאַמען — איך אַ דינסט,
פּוץ שפּיי־קעסטלעך און דילן.

אונדזער גוירל — וויסט און גרוי,
און איך היט דיך אָפּ געטריי.
מען דערציט דיך גלייך פון וויג
פֿאַר דער נעגער־לינטשעריי.

אין וואלד דיביימער — אַזויפֿיל,
דעמבעס ווייסע און סאָסנאָווע,
באַ דיין טאַטן אַזאַ שפּיל:
העפּקער־פֿלייש פֿאַר ווילדער סאָווע.

ס׳האָט דיין טאַטע ליב דעם ווינט,
ווען ער וויגט אַ טויטן נעגער;
דיין טאַטע איז פון לינטש־געזינט
אַן איינגעאיבטער יעגער.

איי־ליי־ליו־ליי ווייסינק קינד,
ביסט דער פונק פֿאַר אונדזער פייער.
שטיף ניט, קינד, מיט מיר אַצינד,
אונדזער לעבן — דיר צושטייער.

איי־ליי־ליו־ליי לינטשערס קינד,
כ׳היט דיך אָפּ ווי מיין שוואַרצאַפּל
ווען עס בלאָזט אין וואַלד אַ ווינט
לויפֿט מען נעגערס כאַפּן.

# די פּאָן אין געלויף



זעט, רויט איז די פּאָן,
און די אויסיעס — ווייסע;
וועט איר, קינדערלעך, שווייגן,
און איך וועל דערציילן אַ מייסע.

בויגט־זשע די קעפּלעך
אויף די הענטעלעך אָן:
איך דערצייל אייך א מייסע
פון א פלאמיקער פּאָן.

אינמיטן א פעלד
און מיט פּוסטקייט אַרום,
געהערט האָבן וועלף נאָר
אַ ווילדן געברום.

אינמיטן אַ פעלד
און אף שטאַנגען צעווייט,
פלאַטערט אַ פּאָן,
אַף פּראָסטיקן שניי.

האָט אַ ווינט זיך צעברומט
און געריסן פון שטאַנג,
נאָר פּלוצים ער הערט:
אַ צעשטורעמט געזאַנג.

און די פּאָן אזוי הויך,
און געזאנג ציט ארויף;
און אין פלאַמיקן ברען, —
די פּאָן אין געלויף...

און מאַסן מיט מענטשן
פון אָרימער גאַס
ציט צו דער פּאָן
פון ארבעטער־קלאַס.

יאָגט הונגער מיט בייטש,
שמייסן ווינטן מיט קעלט;
האָט אַ פלאַמיקער צאָרן
אַף דער פאָן אויפגעהעלט:

„גענוג שוין, גענוג!
און גענוג און — אַן עק!" —
אַז אַף בייטש, אַז אַף שלעגער
ז'געפאַלן אַ שרעק.

„מיר זיינען פון קעלערס
און גרובנס געקומען,
מיר קענען מיט וועלף
זיך פאַרמעסטן אין ברומען".

„מיר קענען, מיר קענען!
נו, קינדער, צוזאַמען;
מיר וואקסן, ווי וואָרצלען,
פון ארבעטער־שטאַמען!"

פון ארבעטער־שטאַמען,
אי שוואַרצע, אי ווייסע,
געדענקט־זשע נאָר, קינדער,
דידאָזיקע מייסע.



# וויג־ליד פון אַ מאַמע אַף אַ וואַנדער־שיף



שלאָף, מיין קינד, ס'איז פריער מאָרגן,
די שווערע נאַכט איז שוין אַוועק —
אין דעם נעפּל טיף פאַרבאָרגן
טליעט וואַו פאַר אונדז אַ ברעג.

ברעג פון לאַנד וואָס וועט זיך ווייזן
מיט שטילן זאַמד, מיט כוואַליע־שוים.
ס'איז דיין מאַמע שטאַרק ווי אייזן
אויפן וועג צום לאַנד פון טרוים...

איצטער וויגן כוואַליע־שטורעמס
ווילד די שיף אַהער־אַהין,
כ'האַלט דיך פעסט אין מיינע אָרעמס
איינגעקלאַמערט ווי איך בין.

וואו אַ זייבער נאָר פון צירונג,
וואו פאַרמעגן ז'נאָך פאַראַן,
ווי די הינט אין זייער שפּירונג,
האָט געריבט דער קאַפּיטאַן.

פאַר אַ טראָפּן ביטער וואַסער,
פאַר אַ פּיסנעם שטיקל ברויט;
און געלויערט האָט אַ נאַסער
און געזאַלצענער דער טויט.

און מיט רוגזע האָט געציטערט
יעדער טראָט און יעדער שפּאַן.
אונדז דאָס לעבן האָט פאַרביטערט
דער פּיראַטן־קאַפּיטאַן.

אויך דו, מיין קינד, ביסט אין דער אײדע —
אַ יונגער גליד פון וואָגלער־שטאַם,
ווי ייצכאָק'ן צו דער אַקיידע
פירט מען אונדז איבערן יאַם.

שלאָף, מיין קינד, ס'איז פריער מאָרגן,
ס'וועט זיך איינשטילן דער יאַם.
אין דעם נעפּל טיף פאַרבאָרגן
טראָגט זיך גוואורע פון דיין שטאַם...



# אוי, אַ בריוול...

פון דיין טאַטן איז אַ בריוול
שוין אַזוי לאַנג, אוי, ניטאָ.
ווער ווייסט, קינד, וואָס ס'האָט געטראָפן,
ניט אויסגערעדט זאָל זיין די שאָ.

גאַנצע נעכט איך וואַך אין דרימל
און זיך צעבראָכן באַ דיין וויג.
ס'איז אינדרויסן שוואַרץ דער הימל,
און שוואַרצער נאָך — דער קריג . . .

צוגערויבט דאָס ביטער לעבן,
געלאָזט אַף הפקר מאַמע, קינד,
ס'איז געווען איין־איינציק שטרעבן,
וואָס־זשע בלייבט דערפון אַצינד?

נישט קיין ברויט און נישט קיין פוטער,
פאַרנומען טאַטן אינעם קריג;
און די שרעק, ווי אַ נישטגוטער,
פלאַטערט איבער דיין וויג.

און אַ בריוול, אוי, אַ בריוול,
איז פון דיין טאַטן אַלץ ניטאָ.
ערגעץ־וואו דאָרט טאַפּטשען שטיוול,
קלאַפּט מיין האַרץ צום טאַקט זיי צו.



אויב אַ ברייוול דאַרף נאָך קומען,
אויב אַזוינס איז נאָך באַשערט;
אוי, מיין קינד, ס'איז ווי צום שטומען,
ווען ס'ווערט די האָפענונג צעשטערט.

האָף און וואַרט: ס'וועט קומען, קומען,
הימלען בלויען שוין אויף טאָג;
ס'רייסט געוויין זיך אויף מיין גומען
און קען ניט אויסברעכן אין קלאָג.

פון דיין טאטן איז אַ ברייוול
שוין אזוי לאַנג, אוי, ניטאָ.
ווער ווייסט, קינד, וואָס ס'האָט געטראָפן,
ניט אויסגערעדט זאָל זיין די שאָ.



# קעגן קריג

ביסט, מיין קינד, ניט איינאוניינציק
אויסגעהאָדעוועט אין אָרים וויג;
מען גרייט שוין יונגינקע סאָלדאַטן
פאַר דעם רויבערישן קריג.

פאַפאַ איז פון קריג געקומען
אַזאַ יונגער, בראַווער מאַן.
מיט מעדאַלן און מיט קוליעס —
אַן אויסגעפוצטער וועטעראַן...

און ווי ער, אַ סאַך סאָלדאַטן,
אין רייען שטייען אויסגעשטעלט;
מאָנען צוגערויבטע גליקן
פאַר יונגער, אויסגעשפילטער וועלט.

אויך פאַר דיר, מיין יונגער אינגל,
אָנגעגרייט איז קאַלטער שרויט
זאָלסט מיט טאַטעס אייניק קעמפן
קעגן קריג און קעגן טויט!



# אַגוסט 22, 1927



דריבנער רעגן: פליוך, פליוך,
בויגן גרעזלעך זיך אַראָפּ.
הימל הענגט ווי שוואַרצער טוך
און פון די בלומען־בעכער:.. כליופּ, כליופּ.

ווייט אַ ווינטל: טויט איז ס אַ ק אָ,
שמייסט אַ ווינטל: און וואַנזעטי...

וועט טאָג פאַרבלייבן און דערמאָנען:
רעגנדיק, פאַרגרויט;
וועט דערפרישן און דערציילן
פון סאַקאָ און וואנזעטי'ס טויט.

שטייעןביידלעך ווי די היטער,
ס'שטיפן קינדער ניט ארום;
דערציילט זיי לערער איצט געשיכטע:
„...נאָך צווייי העלדן ברענגט מען אום..."

קלאַפּן הערצלעך: טיק־און־טאַק,
טריפט אַף ביידל: קליפּ־און־קלאַפּ;
ווייט אַ ווינטל: טויט איז ס אַ ק אָ,
שמייסט אַ ווינטל: און וואַנזעטי...

שפּרייט זיך וואָלקן אויס געדיכטער,
שלינגט אין זיך אַריין די נאַכט;
ליגן קינדער אַף געלעגערס,
פון נעקאָמע יעדעס טראַכט.

שאַ און שטיל. הערן קינדער:
רעגן קלאַפּט אין ביידל אָן —
ווייט אַ ווינטל: טויט איז ס אַ ק אָ,
שמייסט אַ ווינטל: און וואַנזעטי...

# איינער פון אכט...

געשען איז עס, קינדער,
ניט לאַנג גאָר צוריק.
פאַרצויגן האָט הערשער
אויף העלדזער אַ שטריק.

פאַרצויגן, פאַרצויגן
איבער העלדזער ביז בלוט.
געוואָלט האָט דער הערשער
דערשטיקן דעם מוט.

דעם מוט און דאָס פייער
פון ארבעטער־העלדן.
האָט איינער פון זיי
זיך פאַרגעסן צו מעלדן.

און דאָ איז אַ טאָג
און אַ צווייטער פאַרגאַנגען:
עס זיצן שוין זיבן
אין טפיסע געפאַנגען.

עס זיצן שוין זיבן
און ציילן די שאָען,
נאָר ערגעץ באַהאַלט זיך
דער כּאַווער טאָם יוען.

מ'זוכט אים, מ'זוכט אים,
— וואו קען ער דען זיין?
לאַכן די קינדער:
— נאָר אין אַ קוימען אַריין...

ווערן די מאונטים *
ווי בייזע געוויטער,
אַז ס'פאַלט אויף די קינדער
אַן אַזאַ ציטער.



באַהאַלטן זיך מאונטיס
און היטן געהיים,
עס זאָל כאַווער יוען
קומען אַהיים.

און וואו נאָר אַ וועג,
און וואו נאָר אַ גאַרע,
גרייט זייגען מאַונטיס
אים מאַכן אַ וואַרע.

— אָט גייט ער, אָט קומט ער,
אָט איז ער שוין דאָ.
עס לאָזט ניט טאָם יוען
די מאַונטיס צורו.

באַהאַלטן זיצט יוען
און גרייט צו אַנקעטן:
פאַר אַרבעטער־יוניאָנס
ער גרייט צו געוועטן.

די אנקעטן צעשיקט
און געגאַנגען זיך מעלדן
צו שטאָלצע, צו בראַווע,
צו אַרבעטער־העלדן.

איצט זיצט ער אין טפיסע,
איצט זיצט ער פאַרשפאַרט,
און איך ענדיק די מייסע
פון איינעם פון אַכט.



# אייניקייט

## העלען האַמער

ס'איז דאָ אַ וואָרט פון גרויס באַטייט:
אייניקייט אייניקייט
ס'איז דאָ אַ שניט אין רייפער צייט,
אייניקייט אייניקייט
כאָטש באַשווינדלט און פאַרלאַכט
אין פאבריק און אין דער שאַכט,
בלייבט באַ אונדז נאָך אַלץ די מאַכט
אייניקייט אייניקייט

זיי האָבן אונדז אין יאָך דערנערט
אייניקייט אייניקייט
מיט פאַרמעסטונג אין געפעכט
אייניקייט אייניקייט
אין הונגער-מאַרשן אָן אַ צאָל
אויפגעשטורעמט מיט אַמאָל
קלינגען שטימען — פעסטער שטאָל
אייניקייט אייניקייט

ס'איז דאָ אַ וואָרט וואָס מ'דאַרף געדענקען
אייניקייט אייניקייט
ס'איז דאָ אַ קראַפט וואָס וועט ניט שענקען
אייניקייט אייניקייט
הייסט מען אונז צום וועגטל שטיין
וועט אונדזער ליד נאָך ניט פאַרגיין
האָט דער סוינע אונדז באַזיגט? ניין, אָ, ניין!
אייניקייט אייניקייט



# מיר בויען אַ קאַלאָניע

מיר בויען אַ קאַלאָניע —
ביידעלעך אַף שטאַנגען,
וויגן זיך די גרעזעלעך,
און גרעזעלעך ווי זאַנגען.

ציט א בארג זיך הויך ארויף
מיר וואוינען אין דער נידער,
טוליען זיך די ביידעלעך,
און ביידעלעך ווי ברידער.

שיינט די זון אַ גאַנצן טאָג
און סמאַליעט אָפּ די גראָזן,
לויפן באָרוועס קינדער אום,
פלינקער נאָך פון האָזן.

איז א לערער אויך דאָ דאָ;
אַ לערער מיט א פייפל:
קומט אַן אויטאָ אָן צו אונדז,
דרייט מען אָפּ אַ שרייפל.

איז באַ אונדז אַ יאַטל דאָ,
הייסן הייסט ער פייוול:
רויטע האָר, אַף נעזל קלייען
און פאַרשייטער פון אַ טייוול.

עסן עסט ער אָן אַ גאָפּל
און לאָקשן כאַפּט ער מיט די הענט,
ליגט אַן הויפן ברויט צעשניטן,
און אָט — סע שוין פאַרברענט.



באַנאַכט ווייזט פּייוול קונצן;
מאַכט אין ביידל אַ טעאַטער:
אַלע קוקן ווי עס קריכט
אַ פּאַרזעעניש־האָרבאַטער.

אַלע קוקן ווי ער פּאַרשטעלט זיך
פּאַר אַ גאַסן־זינגער,
און אַפֿן לייוונט פֿונעם ביידל
מאַכט ער קונצן מיט די פֿינגער.

אזוי געהוליעט אַף די בעטלעך
ביז אין שפּעטער נאַכט,
אזוי געוואָרפן זיך מיט קישנס
ביז עלעקטרע ווערט פֿאַרמאַכט.

און איבער ביידלעך שיינט לעוואָנע
און ס'פֿאַלט אַ פֿרישער טוי,
אין אונדזער קינדערשער קאָלאָניע
ענדיקט זיך דער טאָג אזוי.

